**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט א באריכט פאר ניו יארקער איבער לופט קוואליטעט איבערן סטעיט פאר מיטוואך, יוני 28**

***ווינטן ערווארטעט צו ברענגען רויעך מעגליך נידעריג נאענט צו די ערד אריבער די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער די ערווארטעטע לופט קוואליטעט די וואך. די סטעיט זעצט פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט פון די נאענט צו אויפפאסן פאר פאטענציאלע השפעות פון די קאנאדישע וואלד פייערן און אזוי אויך פאר אָוזאן און אנדערע פארפעסטיגנדע מאטעריאלן. די יעצטיגע ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) לופט קוואליטעט שאצונג פאר די גאנצע סטעיט פאר מיטוואך, יוני 28, ווייזט א מעגליכקייט פאר נישט געזונטע לופט קוואליטעט באטרעפנדיג רוב פון די סטעיט מיט דיקע רויעך מיטוואך איבערנאכט. צוליב א קאלטע ווינט וואס קומט אריין אין מערב ניו יארק פון די צפון-מערב זייט אין די פריע אינדערפרי שעות מיטוואך, אנקומענדיג אין דאונסטעיט ראיאנען ביז מיטוואך אוונט, זענען די ווינטן ערווארטעט צו ברענגען רויעך מעגליך נידעריג נאענט צו די ערד אריבער די סטעיט.

"אזוי ווי מיר פאלגן נאך די טוישנדע שאצונגען, זאלן ניו יארקער זיין גרייט פאר די מעגליכע צוריקקער פון די רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג יעדן איינעם צו בלייבן וואכזאם – באזונדערס אויב לופט פארפעסטיגונג איז א סכנה פאר אייך – צו געוואויר ווערן די לעצטע אינפארמאציע און אונטערנעמען שריט זיך צו באשיצן."

כאטש די שאצונגען זענען ווייטער אומזיכער, זאלן ניו יארקער זיין גרייט פאר מעגליכע העכערע שטאפלען פון דינע פארפעסטיגנדע שטויב אין די לופט צוליב די רויעך דעם מיטוואך. אויב נויטיג וועלן די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די העלט דעפּארטמענט ארויסגעבן לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס פאר ראיאנען וועלכע וועלן באטראפן ווערן דורך די רויעך דינסטאג נאכמיטאג. לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווערן ארויסגעגעבן ווען אָזאָון אדער שטויב אין די לופט זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון 100.

די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט עצה'ט צו אונטערנעמען באווארענונג שריט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן סכנות רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער פון 100 זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין שוואכערע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל 'קאנדזשעסטיוו הארט פעיליור', האבנדיג געהאט א הארץ

אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען) און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער און טראגעדיגע מענטשן.

- ווען די AQI איז העכער פון 150, זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טוהן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין עמפינדליכע גרופעס זאלן זיך איינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט, באזונדערס טראגעדיגע פרויען וועלכע קענען גרינגער אויסלויפן פון אן אטעם.
- טראגעדיגע מענטשן קענען אויך זיין מער אויסגעשטעלט און גרינגער באקומען א קורצע אטעם, און פאר זיי איז דאס אויך רעקאמענדירט צו בלייבן אינעווייניג ווען די AQI איז העכער פון 150.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, איז עס רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-צוגעדרוקטע פנים מאסקע ווען די לופט קוואליטעט איז 'נישט געזונט'. אן N95 אדער KN95 וועט ארבעטן דאס בעסטע.

ארגאניזאציעס וועלכע ארגאניזירן דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אדער וועלכע האבן ארבייטער אינדרויסן זאלן אנהויבן פלאנירן פאר מעגליכע ענדערונגען צו די אקטיוויטעטן פאר מיטוואך, יוני 28.

מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט איז פארעפנטליכט דא. צו זעהן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו www.airnow.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418